# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:36
מוצאי שב"ק....................6:07

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............שמואל-א י"ד-ט"ו
בבלי.......................פסחים ס"ג
ירושלמי..................יבמות ל"ב
תוספתא....................חולין א'
רמב"ם....................תעניות א'

פרשת בא, י' שבט, שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 18 (483)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, אַז וֶוען מְ'זֶעט דִי נֵייֶע לְבָנָה זָאל מֶען מְקַדֵּשׁ זַיין דֶעם חוֹדֶשׁ. זָאגְט רַשִׁ"י "נִתְקַשָּׁה מֹשֶׁה עַל מוֹלַד הַלְּבָנָה, בְּאֵיזוֹ שִׁיעוּר תֵּרָאֶה וְתִהְיֶה רְאוּיָה לְקַדֵּשׁ, וְהֶרְאָה לוֹ בְּאֶצְבַּע אֶת הַלְּבָנָה בָּרָקִיעַ, וְאָמַר לוֹ כָּזֶה רְאֵה וְקַדֵּשׁ", פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי מִצְוָה, וִוי גְרוֹיס דַארְף זַיין דִי לְבָנָה אַז מְ'זָאל אִיר שׁוֹין קֶענֶען מְקַדֵּשׁ זַיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעוִויזְן מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִי לְבָנָה אִין הִימְל, אוּן אִים גֶעזָאגְט, "אַזוֹי וִוי דֶעם זָאלְסְטוּ מְקַדֵּשׁ זַיין". רַשִׁ"י פְרֶעגְט וַוייטֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ גֶערֶעדְט מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נָאר בַּייטָאג, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז עֶר הָאט אִים גֶעוִויזְן דִי לְבָנָה בַּיינַאכְט? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט צוּ אִים נָאנְט צוּ נַאכְט, בַּיי דִי שְׁקִיעַת הַחַמָּה.

דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס פּוּנְקְט בַּיי דִי מִצְוָה אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶס צוּ פַארְשְׁטֵיין?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפ"ב), **אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַלֵיין שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין לְכַף זְכוּת**, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר אִיז מַמָּשׁ אַ רָשָׁע גָמוּר, דַארְף עֶר אוֹיךְ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ עֶפֶּעס אַבִּיסְל גוּטְס, אַז כָאטְשׁ בַּיי דִי קְלֵיינֶע זַאךְ אִיז עֶר נִישְׁט קַיין רָשָׁע, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר וֶועט טְרֶעפְן בַּיי זִיךְ עֶפֶּעס גוּטְס, עֶר וֶועט זִיךְ דַן זַיין לְכַף זְכוּת, דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר בֶּאֱמֶת וֶוערְן גוּט אוּן וואוֹיל, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אַרַיין אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ז, י') **"וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ"**, אוֹיבּ וֶועט מֶען קוּקְן אוֹיף דִי בִּיסְל גוּטְס וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, וָואס בַּיי דֶעם אִיז עֶר נִישְׁט קַיין רָשָׁע, דַאן וֶוען מְ'וֶועט קוּקְן אוֹיף זַיין פְּלַאץ וֶועט מֶען זֶען אַז עֶר אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָארְט, עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה.

דָאס אִיז סַיי בַּיי זִיךְ אַלֵיין, אוּן סַיי בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. **דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'קוּקְט גוּט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'קוּקְט מִיט אַ גוּט אוֹיג אוּן מְ'פְּרוּבִּירְט צוּ טְרֶעפְן דָאס בִּיסְל גוּטְס וָואס מְ'הָאט, דָאס מַאכְט אַז מְ'זָאל בֶּאֱמֶת וֶוערְן בֶּעסֶער.** דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'טְרֶעפְט דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, דִי קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מְ'הָאט, דָאס בְּרֶענְגְט אַז מְ'זָאל טַאקֶע וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גוּט.

דִי נַאטוּר פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים, סַיי בַּיי זִיךְ אוּן סַיי בַּיי אַנְדֶערֶע. דִי גוּטֶע זַאכְן וֶוערְן פַארְזֶען וַוייל דָאס קוּמְט דָאךְ אַזוֹי, דֶער בְּלִיק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ פַאלְט גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים פוּן זִיךְ אוּן פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן דוּרְךְ דֶעם וָואס מְ'קוּקְט אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן צֶעפַאלְן, מְ'זֶעט דָאךְ וִוי שְׁלֶעכְט דֶער מַצָּב אִיז, אוּן דָאס קֶען בְּרֶענְגֶען חַס וְשָׁלוֹם אַז מְ'זָאל אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּפַאלְן, אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְפַאלְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער דוּרְךְ דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט עֶפֶּעס אַבִּיסְל גוּטְס וָואס עֶר טְרֶעפְט בַּיי זִיךְ, אוּן דִי זֶעלְבֶּע טְרֶעפְט עֶר אוֹיךְ גוּטְס בַּיי יֶענֶעם, דָאס טוּט אוֹיף אַז דֶער מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר, הֲלָכָה א') אַז דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן מִצְוַת קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דִי אִידְן זֶענֶען דָאךְ צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי לְבָנָה, אוּן אַזוֹי וִוי בַּיי דִי לְבָנָה זֶעט מֶען אַז דַוְקָא וֶוען עֶס וֶוערְט טוּנְקֶעלֶער אוּן טוּנְקֶעלֶער סוֹף חוֹדֶשׁ, בִּיז סְ'וֶוערְט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אוֹיס, מְ'זֶעט עֶס שׁוֹין בִּכְלַל נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט בַּאנַייעֶט זִי זִיךְ, מֶען וַוארְט צוּ זֶען אֲפִילוּ נָאר אַ פִּינְטֶעלֶע פוּן דִי פְרִישֶׁע לְבָנָה, אוּן גְלַייךְ שְׁרֵייט בֵּית דִין אוֹיס "מְקוּדָּשׁ מְקוּדָּשׁ". דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אֲפִילוּ וֶוען אֵיינֶער פַאלְט אַוֶועק חַס וְשָׁלוֹם, סְ'זֶעט אוֹיס וִוי סְ'אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קַיין זֵכֶר פוּן אִים, אוֹיבּ שְׁטְרֶענְגְט מֶען זִיךְ אָבֶּער אָן צוּ זוּכְן בַּיי אִים אֲפִילוּ נָאר אַ פִּיצְקֶעלֶע גוּטְס, קֶען מֶען שׁוֹין שְׁרֵייעֶן "מְקוּדָּשׁ מְקוּדָּשׁ", דִי

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט
### חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דִי בֵּיימֶער. דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים כ', י"ט) "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי וִוי אַ בּוֹים, זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַסַאךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן אַ בּוֹים וִוי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין זַיין לֶעבְּן.

### זִיךְ דֶערְהַאלְטְן

אוֹיף אַ בּוֹים גֵייט דוּרְךְ זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צֵייטְן, עֶס וֶוערְט ווִינְטֶער, עֶס קוּמֶען שְׁוֶוערֶע ווִינְטְן, הָאגְל, שְׁנֵיי, אַלֶע בְּלֶעטֶער פַאלְן אַרָאפּ, דֶער בּוֹים וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶס דוּרְךְ מַאכְן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵוייסְט אַז בַּאלְד וֶועט קוּמֶען זוּמֶער אוּן דִי זוּן וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען אוּן עֶר וֶועט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבְן, מַאכְט עֶר עֶס דוּרְךְ אוּן עֶס בְּלַייבְּט שְׁטֵיין אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

אוּן אֲפִילוּ זוּמֶער קוּמֶען אוֹיךְ דִי הִיצְן וָואס טְרִיקֶענֶען אוֹיס דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פַארְטְרִיקְנְט, אָבֶּער אוֹיבּ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ, בְּלַייבְּט עֶר שְׁטֵיין, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אַ הֶערְלִיכֶע בּוֹים.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקַייטְן, אַסַאךְ מָאל זֶעט אִים אוֹיס וִוי עֶר הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, עֶר קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דוּרְךְ טְרָאגְן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ גֵיין אַבִּיסְל בֶּעסֶער, קוּמֶען פְּרִישֶׁע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן עֶר וִויל שׁוֹין אוֹיפְגֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, וֶועט אִים צוּם סוֹף גוּט זַיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וֶועט אִים צוּם סוֹף זַיין גוּט.

<<<<<<

## א גוט ווארט

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן פְּחָדִים אוּן לְחָצִים אִיז זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף זָאל מֶען זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּ אִים. אַלֶע שְׁרֶעק, דְרוּק אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ' גֵייעֶן אַוֶועק וֶוען מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַארְוָואס זָאלְט אִיר לֶעבְּן אִין שְׁרֶעק? פַארְוָואס זָאלְט אִיר נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם לֶעבְּן? פַארְוָואס זִיךְ פַּיינִיגְן אוּמְזִיסְט? נֶעמְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצָה וֶועט אִיר לֶעבְּן אַ זִיסֶע רוּאִיגֶע לֶעבְּן, מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִיז דֶער לֶעבְּן אַסַאךְ גְרִינְגֶער; פְּרוּבִּירְט עֶס אוֹיס, הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט תְּפִילָה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְדֶערְפְרִי אַז דֶער טָאג זָאל זַיין מִיט הַצְלָחָה, אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אַלֶעס גְרִינְגֶער.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשפ"א)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְקַנֵא מַיין שְׁוָואגֶער, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר. אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן דְבָרִים כַּהֲוָיָתָן, אִיךְ מִיט מַיין שְׁוָואגֶער הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעלֶערְנְט אִין כּוֹלֵל צוּזַאמֶען פַאר פוּפְצְן יָאר צוּרִיק, עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוֶועלְט גֶעוָוארְן צוּ זַיין אַ מַגִיד שִׁיעוּר אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אִין כּוֹלֵל. וֶוען אִיךְ הָאב גֶעדַארְפְט מֶער גֶעלְט הָאב אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְּרִיוַואט מִיט בָּחוּרִים, אַ חֵלֶק וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען אוּן דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נָאר אַז מְ'זָאל זֵיי הַאלְטְן אִין דִי רַאמֶען. נָאכְמִיטָאג לֶערְן אִיךְ אַ שָׁעָה אוּן אַ הַאלְבּ יֶעדְן טָאג מִיט אֵיינֶעם אַ חָסֵר דֵעָה וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר עֶר זָאל לֵיינֶען אַבִּיסְל.

וֶוען אִיךְ טְרֶעף מַיין שְׁוָואגֶער אוּן אִיךְ זֶע ווִי עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט לֶערְנֶען, שְׁווִימְט מִיר אוֹיף דִי קַשְׁיָא, וואוּ אִיז דֶער יוֹשֶׁר? פַארְוָואס דַארְף אִיךְ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט שְׁטוּתִים, וֶוען עֶר אִיז פַארְנוּמֶען מִיט גָאלְד? אִיךְ הַאלְט אַז אִיךְ בִּין אֲפִילוּ אַבִּיסְל מֶער אַ לַמְדָן פוּן אִים, פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר פַארְטְרִיבְּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם חָכָם אוּן תָּם (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט) ווִי דֶער תָּם הָאט גֶעהַאט אַ גוּט לֶעבְּן אוּן אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ.

דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, עֶר פְלֶעגְט אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַאבְּרִיצִירְן שִׁיךְ. וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מַאכְן דֶעם שִׁיךְ הָאט עֶס גֶעהַאט יֶענְץ פָּנִים, עֶס הָאט גֶעהַאט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט אָנְכַאפְּן דֶעם שִׁיךְ אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין דֶערְמִיט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואס פַאר אַ שֵׁיינְקַייט, וָואס פַאר אַ ווָאוֹילְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז", "וָואס פַאר אַ זִיסְקֵייט דָאס שִׁיכֶעלֶע אִיז", "וָואס פַאר אַ הָאנִיג'דִיג וָואס פַאר אַ צוּקֶערְדִיג שִׁיכֶעלֶע דָאס אִיז"; אָבֶּער זַיין ווַייבּ הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעווָאוּנְדֶערְט, זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי, פַארְוָואס אַנְדֶערֶע שׁוּסְטֶערְס נֶעמֶען דְרֵיי גִילְדְן פַאר אַ פָּאר שִׁיךְ אוּן דוּ נֶעמְסְט נָאר אַ הַאלְבְּן טָאלֶער?" הָאט אִיר דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר; דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה, אוּן וַוייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן; לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל אִיךְ פַארְדִין פוּן דֶעם שִׁיךְ", עֶר פְלֶעגְט צוּזַאמֶערֶעכֶענֶען ווִיפִיל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי סְחוֹרָה אוּן ווִיפִיל עֶס אִיז אִים אַרַיין גֶעקוּמֶען רֶיוַח, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעֶן אַז עֶר הָאט מַרְוִיחַ גֶעוֶוען צֶען גְרָאשְׁן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין ווַייבּ: "וָואס זָאל מִיר בַּאדַארְן אַז אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט עֶפֶּעס רֶיוַח מִיד לִיד?"

אִין דִי מַעֲשֶׂה לִיגְט דֶער סוֹד ווִי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים אוֹיף דֶער וֶועלְט; אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט וָואס צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. אַז מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, אֵיינֶער וָואס אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן עֶסְט זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה - עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוער עֶס אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן, וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; בִּפְשְׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף נָאךְ דִי

<<<<<<

<<<<<<

קְלֵיין בִּיסְל גוּטְס וֶועט זִיךְ אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גוּט.

דֶערְפַאר אִיז דִי מִצְוָה גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, ווַייל סְ'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן גוּטְס בַּיי זִיךְ אוּן בַּיי יֶענֶעם, עֶס צִיעֶט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן דַוְקָא אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס, עֶר מֵיינְט אַז וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט עֶר עֶס קֶענֶען אוֹיסְרַייסְן אוּן פַארְעֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס גֶעווִיזְן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דַוְקָא בַּיי דִי שְׁקִיעָה, וֶוען דִי נַאכְט פַאלְט שׁוֹין צוּ, אַז דֶעמָאלְט זָאל עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זֶען אַבִּיסְל לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, אוּן אַזוֹי מְקָרֵב זַיין אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לָאמִיר אָנְהוֹיבְּן פוּן יֶעצְט צוּ קוּקְן נָאר גוּט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן דַאן וֶועלְן מִיר שׁוֹין זֶען אוֹיךְ נָאר גוּטְס אִין שְׁטוּבּ אוּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בַּיי אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אַזוֹי וֶועלְן מִיר אַלֵיין זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן מִיר וֶועלְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל בֹּא תשס"א)

>>>>>>

### זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן שְׁפַּיינֶען אוֹיף זֵיי, שְׁטוּיסְן אוֹיף זֵיי, מֶען ווַארְפְט אוֹיף זֵיי שְׁמוּץ, מֶען גִיסְט זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, אָבֶּער דֶער בּוֹים דֶערְשְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן, אוּן אַנְשְׁטָאט צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס, טוּט עֶר נָאךְ צוּרִיק גוּטְס, עֶר גִיבְּט אַרוֹיס פֵיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְּרוּכְט מִיט וָואס יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּ'.

דָאס דַארְף אַ מֶענְטְשׁ נָאכְמַאכְן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, מֶען מַאכְט אִים צָרוֹת, מֶען דֶערְנִידֶערְט אִים, זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן נָאר וַוייטֶער טוּן טוֹבוֹת אוּן גוּטְס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

מֶען זֶעט אַז אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט דֶעם נִסָיוֹן, מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפּ גֶעקוּקְט, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן נָאר זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער צוּרִיק גֶעגֶעבְּן נָאר גוּטְס, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט סְפָרִים מִיט וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז זִיךְ מְחַיֶּ'.

### זִיךְ נִישְׁט הַאלְטְן גְרוֹיס

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי דִי בֵּיימֶער, אַז דִי ווָארְצְלֶען פוּנֶעם בּוֹים גֵייעֶן אַרַיין טִיף אִין דֶער עֶרְד, אוּן ווִי טִיפֶער זֵיי זֶענֶען אִין דֶער עֶרְד, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער הַאלְט זִיךְ דֶער בּוֹים, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיבּ דִי ווָארְצְלֶען זֶענֶען נָאר פוּן אוֹיבְּן אוֹיף, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג טִיף אִין דֶער עֶרְד, דַאן אִיז דֶער בּוֹים זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע ווִינְט ווֶעט עֶס אַוֶועק בְּלָאזְן דֶעם בּוֹים, אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלֵייבְּן פוּן אִים.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס, עֶר וֶועט ווַייזְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם ווִי גוּט אוּן גֶעלוּנְגֶען עֶר אִיז, אוּן עֶר וֶועט אַרָאפּ קוּקְן אַ צְוֵוייטְן, דַאן וֶועט עֶר צוּם סוֹף פַאלְן, ווַייל יֶעדֶער וֶועט אִים פַיינְט הָאבְּן, מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט לִיבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אוּן קוּקְט אַרָאפּ אוֹיף יֶעדְן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס בַּאהַאלְט אָבֶּער זַיינֶע גוּטֶע מַעֲלוֹת, עֶר אִיז צוּגֶעלָאזְן צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר קוּקְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט יֶעדֶער לִיבּ, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אוּן שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

### נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ טֶבַע אִין אַ בּוֹים אַז יֶעדֶע בּוֹים צִיט זִיךְ אַלֵיין זַיין לֶעבְּן פוּן דֶער עֶרְד אוּן קַיין אֵיין בּוֹים צִיט נִישְׁט פוּן אַ צְוֵוייטְן בּוֹים, פוּן יֶעדֶע בּוֹים וַואקְסְט אַרוֹיס אַנְדֶערֶע מִינֵי פְּרוּכְט אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קַיין אֵיין בּוֹים מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטְן.

פוּן דֶעם קֶען זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אָפְּלֶערְנֶען, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַ צְוֵוייטְן, נָאר עֶר זָאל צִיעֶן זַיין לֶעבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין. וָואס עֶר דַארְף זָאל עֶר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

ווַייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, סַיי אוֹיבּ יֶענֶער אִיז עֶרְגֶער פוּן אִים, וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין גוּט.

וֶוען עֶר וֶועט קוּקְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער פוּן אִים, מֶער גֶעלוּנְגֶען פוּן אִים, וֶועט עֶר טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, ווַייל עֶר זֶעט דָאךְ אַז יֶענֶער קֶען בֶּעסֶער. אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, ווַייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען עֶפֶּעס אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּבְּרֶעכְן מִיטְן טְרַאכְטְן אַז יֶענֶער אִיז בֶּעסֶער, וֶועט עֶר נִישְׁט טוּן אֲפִילוּ וָואס עֶר קֶען יָא טוּן.

אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז בֶּעסֶער פוּן יֶענֶעם, וֶועט אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט, ווַייל עֶר וֶועט אֵייבִּיג טְרַאכְטְן אַז מֶען דַארְף אִים גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד פוּן יֶענֶעם, ווַייל עֶר אִיז מֶער חָשׁוּב פוּן יֶענֶעם, אוּן מֶען דַארְף מַאכְן מֶער אַ עֵסֶק פוּן אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט אִים עֶס נִישְׁט גֶעבְּן, וֶועט עֶר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צוּבְּרָאכְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג.

דֶערְפַאר אִיז דִי עֵצָה, נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער טוּט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר וֶועט אוֹיפְטוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר קֶען יָא.

ווָאוֹיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעדֶענְקְט אַז עֶר אִיז אַזוֹי ווִי דֶער בּוֹים, אוּן עֶר מַאכְט נָאךְ דִי אַלֶע זַאכְן פוּנֶעם בּוֹים וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶער אוֹיסְוַואקְסְן ווִי אַ שְׁטַארְקֶע שֵׁיינֶע בּוֹים, אוּן אַרוֹיס גֶעבְּן גוּטֶע זִיסֶע פְּרוּכְט פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן, ווָאוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס ט"ו בִּשְׁבָט)

>>>>>>

איז דאך נישטא וואס צו רעדן, אבער אפילו די געציילטע וואס האט יא דאס געלט פאר פארשווענדערישע שמחות, זיי דארפן ברוך ה׳ נישט צוקומען צו אנדערע, שפירט זיך אויך אן אפשיי זעענדיג ווי מ׳ווארפט אויס אידיש געלט פאר אזעלכע קינדערישקייטן.

די חתונות אין ישיבה זענען טאקע פון איין זייט אזוי פשוט און איינפאך צוגעשטעלט, אבער פון די אנדערע זייט זענען זיי אזוי פרייליך, געשמאק, און בא׳טעמ׳ט, וואס דאס קען מען נישט פארשטיין ביז ווי לאנג מ׳האלט עס מיט כאטש איינמאל מיט די אייגענע אויגן.

די מחותנים, וואס האבן די וואך חתונה געמאכט אין ישיבה, האבן נישט געקענט גענוג זיך באדאנקען פאר׳ן ראש ישיבה שליט״א פאר׳ן צושטעלן אזעלכע ערליכע חתונות פאר אומזיסט. נישט מיט געצווינגענע תקנות וואס מ׳דארף זוכן וועגן ווי אזוי זיי אויסצושפילן, נאר מיט׳ן אריינברענגען א טראפעלע שכל, צו טראכטן מיט א ניכטערן בליק וואס א אידישע חתונה איז, און אז דאס לעבן הויבט זיך אן א טאג נאך די שבע ברכות, און נישט ווערן פארבלענדעט פון די ארומיגע קאפ פארדרייעניש.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די פרישע פאר פעלקער זאלן זוכה זיין אויפשטעלן ערליכע אידישע שטיבער, בתים נאמנים לה׳ ולתורתו, מיט דורות ישרים ומבורכים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

# יומא דהילולא קדישא פון כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע

די קומענדיגע וואך, שבת קודש פרשת בשלח, י״ז שבט, געפאלט די זעקסטע יומא דהילולא קדישא פון כ״ק מרן מוהרא״ש זי״ע.

מיט יעדן טאג נענטער צום יארצייט דערקענט זיך די התעוררות און התרגשות ביי אנשי שלומינו בפרט, און ביי אידן איבער די וועלט בכלל, צו דעם געהויבענעם טאג. מוהרא״ש פלעגט זאגן "ביים יומא דהילולא פון א צדיק, קומט ארויס און מען זעט וואס דער צדיק האט איבערגעלאזט פאר די וועלט", מען זעט ווי די לימודים און עצות וואס ער האט געלערנט מיט אידישע קינדער ביים לעבן, זענען ווייטער חי וקים און זענען נאך אלץ מחזק און מעורר אידישע קינדער און דערנענטערט זיי צום אייבערשטן.

מיר געדענקן זייער גוט וואס מוהרא״ש האט געטון פאר אונז אלע זיינע יארן, ווי אזוי ער האט אונז געשטארקט אין יעדן מצב און אונז מחזק געווען צו דינען דעם אייבערשטן ווי עס דארף צו זיין. און דעריבער איז דער טאג אזוי גרויס, ווען מען נעמט זיך צוזאם און מען חזר׳ט איבער זיינע ווערטער, און מען איז ווייטער ממשיך צו גיין אין זיינע וועגן.

פילע אנשי שלומינו אין ארץ ישראל, ווען זיך משתטח צו זיין אויפ׳ן ציון הקדוש אין יבנאל אין די טעג ארום די יארצייט, אנדערע אידן בכל מקומות מושבותיהם וואס האבן נישט די מעגליכקייט היי יאר אריבערצופארן צום ציון הקדוש, וועלן זיך צוזאמנעמען אין די לאקאלע בתי מדרשים און איבער׳חזר׳ן דאס וואס מוהרא״ש האט אונז געלערנט אלע יארן, און לערנען די הייליגע עצות פון זיינע פילע ספרים וואס ער האט אונז איבערגעלאזט בירושה.

די סעודת הילולא וועט פארקומען אי״ה מוצש״ק בשלח אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג.

אנשי שלומינו וועלן אויסנוצן דעם געהויבענעם טאג זיך אנצושטרענגען אויסצופירן דאס וואס מוהרא״ש האט געטון זיין גאנץ לעבן, צו דרוקן דעם רבינ׳ס ספרים און עס פארשפרייטן איבער די וועלט, און אזוי אריינברענגען די הייליגע לימודים פון רבי׳ן אין יעדע אידישע שטוב. מ׳וועט זיך משתתף זיין מיט שיינע סכומים ארויסצוהעלפן דעם בית הדפוס "קרן הדפסה היכל הקודש" וואו מ׳דרוקט טויזנטער ספרים און קונטרסים טאג טעגליך, און מען פארשפרייט עס צו אידן איבעראל, און וועקט זיי אויף אנצוהייבן לעבן מיטן אייבערשטן פון פריש.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן ווייטער ממשיך זיין זיך צו האלטן בדיבוק חברים און פאלגן וואס מוהרא״ש האט אונז געלערנט.

**הוא ימליץ טוב בעדינו!**

>>>>>>

פְּטִירָה, אַז אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵּא גֶעוֶוען, וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַארְפוֹילְט וֶוערְן אִין קֶבֶר. מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ; בְּמֶשֶׁךְ זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עֶסְט עֶר זִיךְ אוֹיף: ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן וִוי יֶענֶעם?׳ ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא וַוייבּ וִוי יֶענֶער?׳ ׳פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא הוֹיז וִוי יֶענֶעם?׳ וָואס בֶּאֱמֶת דַארְף אַ מֶענְטְשׁ ווִיסְן אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן דִי סָארְט לֶעבְּן; אַזַא וַוייבּ, אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער, וְכוּ׳ וְכוּ׳, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר, אוּן בֶּעסֶער קֶען נִישְׁט זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן לד): יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כא:): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אַבָּא אוּמְנָא, עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא״; אַבַּיֵי פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ גְרוּס פוּן הִימְל, יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת פְלֶעגְט עֶר הֶערְן אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי״; רָבָא פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען דֶעם בַּת קוֹל נָאר אֵיין מָאל אַ יָאר, יֶעדְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר פְלֶעגְט עֶר הֶערְן: ״שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא״; זָאגְט דִי גְמָרָא אַז אַבַּיֵי הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פַארְוָואס עֶר בַּאקוּמְט נָאר אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אַ בַּת קוֹל, אוּן אַבָּא אוּמְנָא בַּאקוּמְט יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן הִימְל: ״לָא מָצֵית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָּא דְאַבָּא אֻמָּנָא״, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַבָּא אוּמְנָא טוּט; אַזוֹי וִוי דֶער תַּם פְלֶעגְט זָאגְן: **״דָאס אִיז יֶענֶעמְ׳ס מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה״.**

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס פְלֶעגְט זֵייעֶר מְקַנֵּא זַיין אִירֶע שְׁכֵנִים, אוּן זִי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מוּטְשֶׁען אִיר מַאן: ״קוּק וִוי אוּנְזֶערֶע שְׁכֵנִים גֵייעֶן אַרוֹיס פַארְבְּרֶענְגֶען צוּזַאמֶען צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ, פַארְוָואס נֶעמְסְטוּ מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס?״ דֶער מַאן פְלֶעגְט אִיר אַלְץ זָאגְן: ״אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ זַיין מִיט דִיר אִין שְׁטוּבּ, וָואס דַארְפְסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי שְׁכֵנִים? דָאס אִיז יֶענֶעמְס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה״, עֶר פְלֶעגְט אִיר זָאגְן: ״אִיךְ בִּין גוּט צוּ דִיר, אִיךְ בִּין גֶעטְרֵיי צוּ דִיר, אִיךְ הֶעלְף דִיר״, אָבֶּער זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ קִנְאָה, זִי פְלֶעגְט שְׁטֵיין בַּיי דִי פֶענְסְטֶער קוּקְן וִוי דִי שְׁכֵנִים גֵייעֶן אַרוֹיס צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ; זִי פְלֶעגְט מַמָּשׁ אוֹיסְגֵיין פַאר קִנְאָה זֶעעֶנְדִיג וִוי זֵיי זִיצְן אִין זֵייעֶר קַאר אוּן פָארְן אַוֶועק וְכוּ׳, אוּן זִי פְלֶעגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מוּטְשֶׁען אִיר מַאן אַז זֵיי דַארְפְן אוֹיךְ פָארְן וְכוּ׳. בִּיז אִיר מַאן הָאט אִיר אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וואוּ צוּ פָארְן, אֶפְשָׁר פְרֶעגְסְטוּ דִי שְׁכֵנִים וואוּ זֵיי פָארְן צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ?״ דֶעמָאלְט הָאט זִי שׁוֹין גֶעהֶערְט וואוּ זֵיי פָארְן; ״מִיר גֵייעֶן צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ צוּ אַ שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶער״ - הָאט דִי שָׁכֵנְ׳טֶע אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט...

דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אוּן מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן; יֶעדֶער הָאט זַיין נְקוּדָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הֲנָאָה פוּן אִים, אוּן צוּלִיבּ דֶעם אִיז עֶר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן.

אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיּוּת, טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אַז דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כא.): ״קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה״, אִיז נִישְׁט פְּשַׁט מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: ׳דוּ דַארְפְסְט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן אוּן אִים נָאכְמַאכְן׳, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן נִישְׁט קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה ״סוֹפְרִים״, נָאר קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה ״חָכְמָה״, וַוייל דִי נְקוּדָה אִיז נִישְׁט יֶענֶעם נָאכְצוּמַאכְן, נָאר וֶוען אִיךְ זֶע וִוי יֶענֶער אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ, תַּרְבֶּה ״חָכְמָה״, דַארְף אִיךְ טְרַאכְטְן צוּ מִיר וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין מַיין זַאךְ.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְן תַּם הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אוּן אַז דָאס דַאוֶועגֶען אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז עֶס אַ שִׁיכֶעלֶע מִיט דְרֵיי עֶקְן״; זֶעט מֶען אַז בַּיי רוּחְנִיּוּת דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַ צְוֵוייטְנְ׳ס עֲבוֹדָה.

עֶס אִיז וויִכְטִיג דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער ר׳ נָתָן זָאגְט אוֹיף דֶעם (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת פֶּסַח ט, אוֹת כב): פּוּנְקְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵּק זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן קֵיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן אִים וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צוּפַאלְן, אַזוֹי אוֹיךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער - זָאגְט ר׳ נָתָן - דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין בַּיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן זַיינֶע עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר זֶעט וִוי זֵיי שְׁטֵייגְן אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בִּשְׁעַת וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעט וִוי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס וְכוּ׳, ״וְכָל זֶה אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב, רַק כָּל אֶחָד יָבִין בְּעַצְמוֹ כְּפִי עִנְיָנָיו, וּכְנֶגֶד כָּל מִינֵי מְנִיעוֹת וַחֲלִישׁוּת הַדַּעַת שֶׁבָּעוֹלָם צְרִיכִין לֵילֵךְ בַּדֶּרֶךְ הַנַּ״ל, בִּבְחִינַת אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם, לַחֲשֹׁב כְּאִלּוּ הוּא יְחִידִי בָּעוֹלָם״.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס נֶעמֶען חִיזּוּק פוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן אוּן דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים דוּרְכְן קוּקְן אוֹיף זִיךְ, אוּן מֶען חַזְּר׳ט זִיךְ אַיין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּם: ״וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר, דָאס אִיז יֶענֶעמְ׳ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה; אוּן וַוייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וויִפִיל אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשע״ח)

BreslevCenter.com\answers

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
## פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (צב)

**שפ**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב צוּם שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין, צוּ זַיין פֶעטֶער הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי בָּרוּךְ פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע, וָואס פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיפְהַאלְטְן אִין שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין יֶעדֶעס יָאר אֵיין חוֹדֶשׁ אִין דִי זוּמֶער אוּן אֵיין חוֹדֶשׁ אִין דִי וִוינְטֶער, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ שְׁטָאט עֶרְגֶעץ נֶעבְּן אִים וואוּ עֶר וֶועט דָארְט קֶענֶען וואוֹינֶען בִּמְנוּחָה.

הָאט אִים זַיין הֵיילִיגֶער פֶעטֶער גֶעזָאגְט אַז נָאנְט צוּם שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין אִיז דָא אַ גוּטֶע שְׁטָאט פַאר אִים, דָאס אִיז דֶער שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר קֶען דָארְט גֵיין וואוֹינֶען. עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ דִי רָאשֵׁי הַקְהִלָה אַז זֵיי זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים קַיין טוּלְטְשִׁין.

דִי שׁוּתְּפִים ר' מֹשֶׁה חִינְקֶעס אוּן ר' אַבְרָהָם פֵּייֶעס זֶענֶען אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען אוּן גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע הָאט גֶעבֶּעטְן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען מִיט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אִים אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן אַז זֵיי גֵייעֶן אִים שַׁאפְן אַ רֶענְדְל יֶעדֶע וָואךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶועזְן דֶערְצוּ אוּן גֶעשְׁלָאסְן דֶעם גֶעשֶׁעפְט.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קַיין זְלַאטִיפָּאלְיֶע צוּ בְּרֶענְגֶען זַיין מִשְׁפָּחָה קַיין בְּרֶסְלֶב.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"




### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'
# נאך צוויי חתונות די וואך אין ישיבה גענצליך בחנם

די וואך איז פארגעקומען צוויי חתונות אין בית המדרש היכל הקודש אין וויליאמסבורג, הערליכע שיינע און פרייליכע חתונות, וואס האט נישט געקאסט קיין איין פרוטה פאר די מחותנים.

זונטאג נאכט איז געגאנגען אונטער די חופה החתן שלמה שטראה הי"ו, בן מו"ה שרגא הי"ו פון קרית יואל, עב"ג בת מו"ה ראובן קאליש הי"ו פון וויליאמסבורג. די חתונה איז געווען גאר געשמאק און פרייליך, מ'האט משמח געווען אויף גאר א שיינעם פארנעם.

אום דינסטאג איז געגאנגען אונטער די חופה החתן אברהם פיש הי"ו, בן מו"ה זעליג פיש הי"ו פון בארא פארק, עב"ג בת מו"ה צבי אהרן ניימאן הי"ו פון ירושלים עיה"ק, אויך ביי די חתונה איז די שמחה געווען גאר גרויס, מ'האט געטאנצן און משמח געווען גאר שיין.

צום אכצנטן און צום ניינצטן מאל איז נאכאמאל שווער געווארן די קשיא פארוואס מ'דארף אויסגעבן אזויפיל געלט פאר א חתונה, אזויפיל מחותנים ברעכן אונטער יעדן טאג פון דעם שווערן עול פון חתונה מאכן די קינדער, אזויפיל אידישע קינדער מוטשען זיך צו צאלן יעדן חודש שווערע געלטער וואס זענען נאך שולדיג פון עטליכע קינדער'ס חתונות פון די פארגאנגענע יארן, זיי קענען מער נישט אויסהאלטן דעם שווערן לאסט. און ברוך ה' אז דא אין ישיבה שטעלט די קהלה צו די חתונות בחנם ממש, די חתונה נאכט קאסט נישט קיין איין פרוטה פאר די מחותנים, און זיי קענען צוגיין צו די שמחה מיט א רואיגע און פרייליכע געמיט.

מענטשן וואונדערן זיך ווי אזוי די חתן כלה זענען מסכים צו אזא פשוטע חתונה, דער תירוץ איז אז דאס אלעס איז צו פארדאנקען די גוטע חינוך וואס זיי באקומען. אויסער די פילע וויכטיגע זאכן וואס מ'לערנט אין שולע מיט די מיידלעך, זיי זאלן גוט וויסן פונקטליך אלע פרעזידענטן וואס האבן רעגירט אין אמעריקע אין לויף פון איר היסטאריע, וועלכע סארט עסנווארג די ווייסע בערן עסן נאכ'ן אויפשטיין פון זייער ווינטער שלאף, און ווי אזוי צו רעכענען טיפע אלזשעברא חשבונות, און אזוי ווייטער, וואס די אלע זאכן קענען די מיידלעך גארנישט טון דערמיט איין טאג נאך די חתונה, לערנט מען אויך מיט די מיידלעך וואס די לעבן מיינט, ווי אזוי אויפצושטעלן אן ערליכע און געשמאקע אידישע שטוב, מ'לערנט מיט זיי אז געלט וואקסט נישט אויפ'ן בוים, די עלטערן ארבעטן שווער צו שאפן א דאלער צו קענען אנגיין אין לעבן, מ'לערנט מיט זיי אז מ'דארף נישט געפעלן פאר חבר'טעס, ווייל די חבר'טעס וועלן דיר נישט קומען צו הילף אין לעבן בכלל, אז מ'האט חתונה ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געהייסן און אזוי קען מען האבן א גוט לעבן, און נישט ווייל יעדער זאל שמועסן און זען די בלומען ביי די חתונה, די מעכטיגע כלי זמר ביי די חתונה און די איבריגע נארישקייטן, און אזוי ווייטער שטעלט מען זיי אוועק זיי זאלן וויסן וואס דאס לעבן איז און ווי אזוי זיך אומצוגיין אין לעבן אין יעדן מצב ברוחניות ובגשמיות. און אז מ'באקומט א גוטן חינוך, ווארצלט זיך עס איין ביי זיי, און זיי דארפן בכלל נישט די אלע שטותים, וואס ברענגען נישט קיין שום נוצן, נאר אפשר אביסל איינגערעדטע כבוד, וואס מ'מיינט אז מ'ווערט ארויפגעקוקט פאר עטליכע שעה. און דאס בלייבט נישט בלויז ביי די חתונה נאכט, דאס נעמען זיי ווייטער מיט אין לעבן נישט אויסצוברענגען געלט פאר אומזיסט, מ'דארף נישט קויפן יעדע זאך וואס שטייט יעצט צום פארקויפן, יעדע טייערע זאך וואס א חבר'טע האט זיך געשאפט, און יעדע נייע סטייל וואס איז נארוואס ארויסגעקומען, און דאס העלפט זיי אזויפיל ארויס אין לעבן.

און די זעלבע איז ביי די אנדערע זייט מחיצה, א חתן וואס האט געלערנט אין ישיבה, ער האט געהערט די שיעורים און דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א, ער איז גוט אנגעגרייט אין לעבן, ער ווייסט גוט דעם אינטערשייד פון וואס דער אמת'ער לעבן איז, און וואס די זייטיגע נארישקייטן זענען, ער קען זיך באמת פרייען ביי די חתונה אז ער האט זוכה געווען צו טרעפן זיין באשערטע, און אויפשטעלן א בית נאמן בישראל, און ער איז בכלל נישט אינטערעסירט צו געפעלן פאר קיינעם. די אלע זאכן וואס ער האט געלערנט אין ישיבה, נעמט ער מיט אויפ'ן גאנצן לעבן, ער קען דאס נוצן יעדן טאג אין לעבן, נישט נאר אלס בחור אין ישיבה צו געפעלן פאר'ן משגיח.

אז מ'האלט מיט א חתונה אין ישיבה, קען מען זיך נישט גענוג אפוואונדערן ווי נאריש מענטשן זענען אז מ'מאכט נאכאלץ די אזויגערופענע "נארמאלע" חתונות. עס כאפט אן עקל ווען מ'זעט נאכדעם אן אויפרייסערישע חתונה פון א כבוד שמעקער וואס מיינט מ'וועט אים ארויפקוקן ווען ער וועט זיך אויפרייסן מיט עפעס א מעכטיגע פרישע אידיע פאר זיין אפגעריסענע/אויפגעריסענע חתונה. אפגערעדט איינער וואס קען זיך עס נישט ערלויבן, ער דארף בארגן/גנב'ען געלט פאר דעם,

<<<<<<


## עצתו אמונה
## ביי אייער טיר




סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**


## סימן טוב ומזל טוב

החתן **יודל פעלדמאן** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב

***

החתן **שלמה שטראה** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב

***

החתן **אברהם פיש** הי"ו
צו זיין שמחת החתונה עב"ג למזל טוב

***

מו"ה **לייבי אפפעל** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **יואל אברהם ראטענבערג** הי"ו
צו די געבורט פוז א אינגל למזל טוב


## טיפס אויף שלום בית

טיפס און עצות אויף שלום בית. ווי אזוי קען איך האבן א פרייליכע לעבן אינדערהיים? וועל איך זיך נאך אמאל פארשטיין מיט מיין ווייב?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 2, 6, 14**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**




הפצת הגליון בבארא פארק לשבוע זו נתנדב ע"י מו"ה יואל אברהם ראטענבערג הי"ו